בס"ד

# מתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן - תו' י"ג

~ ע"י הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל ~

פרשת וישב, שנת תשל"ה (טייפ מס' 61#)

**יצא לאור לרגל "התורה הזמנית" הנלמד כעת ע"י אנשי שלומינו ברחבי תבל**

## תתחדש כנשר נעוריכי

(מתוך שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' י"ג, עיי"ש אות ה')

**- - - וְנֶשֶׁר שֶׁבִּבְחִינַת נֶפֶשׁ, זֶה הַחִדּוּשׁ שֶׁנִּתְחַדֵּשׁ הַנֶּפֶשׁ בַּעֲלִיָּתָהּ בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְזֶה בְּחִינַת נֶשֶׁר, "תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי".**

דער רבי האט אזוי געזאגט: **"ווען מען דערמאנט זיך אין מיר, איז מען 'כקטן שנולד'!"** - א 'ניי געבוירענער'!

'כקטן שנולד' האט אין זיך א מעלה: אז דאס 'רע' פון פריער ווארפט אים נישט אראפ, און ער האט נישט קיין 'גאוה' פון דעם 'טוב' פון פריער אויך!

א מענטש ער טוהט און טוהט, האט ער 'גאוה' פון פריער פונעם 'טוב', און דאס 'רע' וויל אים אראפווארפן, אבער 'קטן שנולד' - היינט געבוירן געווארן! 'גארנישט'! איך בין היינט געווארן געבוירן!

❖

## אוועקגעלייגט דעם מח

רבי נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן, איז ער אלט געווען 'צוויי און צוואנציג יאר', רבי נתן איז געבוירן געווארן תק"מ,[א] און מקורב געווארן תקס"ב,[ב] איז ער שוין 'צוויי און צוואנציג' אלט געוועזן.

און ער איז געווען א גרויסער 'למדן' - א גרויסער 'גאון' פריער, און אן איידעם געווען ביים "גרויסן רבי דוד צבי",[ג] אין אוקריינע האט מען אים גערופן "דער גרויסער ר' דוד צבי", א געוואלדיגער מענטש געווען.

און ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - איז ער געווארן אזוי 'נתחדש', אזוי 'נתחדש' געווארן!

ער האט געזאגט: **"איך האב אוועקגעלייגט אינגאנצן מיין מח, איך האב גאר קיין מח נישט, איך הער א ווארט פונעם רבי'ן - דאס איז מיין מח, נאך א ווארט - האב איך נאך אביסל מח!"**.

ממש א געבוירענער, א ניי געבוירענער, איך בין איצטער געבוירן! איך האב גארנישט, אוועקגעלייגט אינגאנצן זיין (מח)![ד]

---

[א] עי' ימי מוהרנ"ת אות א'.

[ב] עי' ימי מוהרנ"ת אות ב': בִּשְׁנַת תקס"ב בְּחֹדֶשׁ אֱלוּל זָכִיתִי לְהִתְקָרֵב לַאֲדוֹמוֹ"ר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הָרַב הָאֱמֶת מוֹרֵנוּ רַבִּי נַחְמָן זצוק"ל, וְהוּא אָחַז בְּיָדִי וְקֵרְבַנִי בְּרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים, וְנָשָׂא אוֹתִי כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאוֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק.

[ג] עי' ה"ה הגאון המפורסם רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, שהיה מכונה ע"י בני דורו "דער גרויסער ר' דוד צבי", רב ואב"ד המחוזות שאריגראד, קרעמיניץ, מאהילוב ועוד.

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ג: הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטֹן וְדָבָר גָּדוֹל. וְלִבְלִי לִנְטוֹת ח"ו מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ

(מילא) איינער איז אן 'עם הארץ', (אבער) א 'למדן', און א 'גאון', און א 'בעל יחוס', אן איידעם ביים "גרויסן ר' דוד צבי" שוין אכט יאר געווען! - ר' נתן האט חתונה געהאט צו די 'דרייצן יאר', איז שוין 'אכט יאר' נאך די חתונה געוועזן.

ער איז געבוירן געווארן תק"מ, און חתונה געהאט תקנ"ג, אזוי שטייט אין 'ימי מוהרנ"ת'.[ה] ער איז געבוירן געווארן 'חמשה עשר בשבט', און חתונה געהאט פאר 'שבת נחמו', 'דרייצן מיט א האלבן יאר' איז ער אלט געווען ביי די חתונה, איז דאך געווען ארום 'אכט יאר' נאך די חתונה (כשהתקרב לרבינו).

און זיין אן איידעם ביי אזא מין 'שווער' איז נישט קיין קלייניקייט! אוועקגעלייגט אינגאנצן דער מח! איך בין איצטער געבוירן געווארן, איצט!

❖

# תורת ארץ ישראל

עס שטייט טאקע, אז "ר' זירא" האט געפאסט 'תעניתים' ער זאל פארגעסן תלמוד בבלי - אז ער איז געקומען קיין 'ארץ ישראל'.[ו]

איז אויך די קשיא: ר' זירא האט פארגעסן 'תלמוד בבלי'?! ער איז דאך גליך אריין אין די ישיבה פון ר' יוחנן, ער איז געווען א תלמיד ביי ר' יוחנן, תלמוד בבלי האט ער פארגעסן?!

דער תירוץ איז, ער האט געזעהן - ר' זירא - אז דער אור פון 'ארץ ישראל' איז אן אנדער סארט 'אור', אן אנדערע 'תורה', א אנדערע 'לעכטיגקייט', האט ער געזעהן אז ער וועט נישט אריינגעמען דעם אור פון 'ארץ ישראל' סיידן ער מוז פארגעסן אינגאנצן פון פריער! 'איך וויים גארנישט'! איצטער הערן א ווארט - דאס איז מיינס! "תורת ארץ ישראל".

❖ ❖ ❖

# נפשות גדולות וקטנות

זאגט דער רבי, וְאָדָם שֶׁבַּנֶּפֶשׁ, זֶה בְּחִינַת: "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה", איז דאך א ראי' אז 'אדם' איז אויך די זאך פון נפש, כִּי הָאָדָם בְּחִינוֹת מִסְכְּנֵי וְעַתִּירֵי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב - בשעת די בריאת האדם: "נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ", זאגט דער זוהר - עַתִּירֵי, "כִּדְמוּתֵנוּ" - מִסְכְּנֵי, איז די בריאה באלד געווארן 'בצלמנו' 'כדמותנו', 'בצלמנו' איז 'עתירי', 'כדמותנו' איז 'מסכני'.

וּכְשֶׁנִּתְלַקְּטוּ הַנְּפָשׁוֹת, אֲזַי הֵם בִּבְחִינַת אָדָם, נְפָשׁוֹת גְּדוֹלוֹת וּקְטַנּוֹת, בִּבְחִינַת מִסְכְּנֵי וַעֲתִּירֵי, ביים צדיק אז ער קומט ארויף איז אלעס (איינג), אזוי ווי ביים צדיק שטייט דאך דא דער 'גרויסער מענטש' - שטייט דא דער 'קליינער מענטש' אויך! ביי אים איז נישט שייך צו זאגן 'ווער'!

ס'זאל זיין 'ניין צדיקים', קען מען נישט זאגן קיין 'קדיש' און קיין 'ברכו', און דער צענטער - ווער ער איז - קען מען זאגן 'יתגדל ויתקדש שמה רבא'!

דער צדיק נעמט אלעמען, איז אויך דא 'גדולות וקטנות', 'מסכני ועתירי', אזוי ווי אין די 'מרכבה' איז אויך דאס איז דא - 'גדולות וקטנות'.

אז ער איז איינער אליין - איז טאקע גארנישט, אבער אז דער צדיק נעמט אים צונויף - איז דארטן דא 'מסכני ועתירי', דארטן איז דא 'גדולות וקטנות'.

❖ ❖ ❖

---

שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל 'אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל' וְכוּ'. וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק...

[ה] שם אות א'.

[ו] עי' מס' בבא מציעא דף פ"ה ע"א. ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' רמ"ו.

# 'פעולות הגוף'

**וְאוֹפַנִּים - הֵן הַגּוּפִין**, וואס הייסט דער 'גוף'? דער רבי רעדט דאך אלץ דא פון 'רצונות',[ז] אבער דער עיקר טאקע - דארף מען דאך טוהן 'פעולות' אויך, ווארום 'רצונות' אן 'פעולות', וועט זיך דער 'רצון' נישט האלטן ביים מענטשן, דער עיקר איז דאך נאר די 'פעולות'.

**כִּי עִקַּר פְּעֻלּוֹתֵיהֶן שֶׁל הַגּוּפִין אֵינוֹ אֶלָּא מִן הַחִיּוּת שֶׁבַּנֶּפֶשׁ**, ווייל אז דער 'נפש' האט 'חיות' גייט ארויס 'פעולות', אז מען האט גוטע 'רצונות' גייט ארויס 'פעולות', **שֶׁהַנֶּפֶשׁ מַרְאָה פְּעֻלּוֹתֶיהָ עַל־יְדֵי אֵיבְרֵי הַגּוּף**, - דער 'נפש' ווייזט ארויס אירע 'פעולות' דורך די 'איברי הגוף'. דער 'נפש' איז דאך נאר א 'רצון', דורך די 'איברי הגוף' ווייזט ער ארויס אירע 'פעולות'.

**וְאֵין לַגּוּף שׁוּם תְּנוּעָה עַצְמִית, וְהַכֹּל עַל־יְדֵי כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ.**

וואספארא רצון דער מענטש האט, אזעלכע פעולות גיט ער ארויס, די פעולות גייען ארויס דורכ'ן נפש. אז איינער רח"ל האט שלעכטע רצונות, טהוט ער שלעכטע פעולות.

זאגט דער רבי 'ואופנים' מיינט מען די 'גוף', ווארום דער רבי רעדט דאך אלץ פון 'רצונות', אבער דער עיקר איז דאך טאקע די 'גופין', טאקע די 'פעולות' - אבער די פעולות ווערן נאר דורך די 'רצונות', זיי גיבן ארויס די 'פעולות'.

פארוואס טוהט ער מערער? ווייל ער האט שענערע 'רצונות' איז דא שענערע 'פעולות'!

❖ ❖ ❖

# 'לבושין' של הצדיק

**וְכִסֵּא שֶׁבִּבְחִינַת נֶפֶשׁ - הוּא נֶפֶשׁ הֶחָכָם שֶׁנִּתְכַּסָּה**, דער 'חכם' אליין! **בִּבְחִינַת: "יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים", כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל "מִכֹּהֵן גָּדוֹל שֶׁנִּכְנַס לִפְנַי וְלִפְנִים".**

**כִּי מֵחֲמַת שֶׁנֶּפֶשׁ הֶחָכָם הוּא יָקָר, הוּא נִתְכַּסֶּה לִפְנַי וְלִפְנִים, וְכָל הַנְּפָשׁוֹת נַעֲשִׂין לְבוּשִׁין אֶצְלָהּ**, דער 'צדיק' נעמט צונויף די 'נפשות', ווערט ער פארדעקט מיט זיי, און זיי זענען די 'לבושין' ארום אים, ס'איז הייליגע 'לבושין'!

דער צדיק ווערט פארדעקט 'לפני ולפנים', און זיי זענען די 'לבושין', ער גייט דאך אריין מיט די אלע נפשות, ער איז דאך מעלה אלע נפשות למעלה,[ח] ער גייט דאך נישט אריין אליין, ער גייט ארויף מיט אלע נפשות, און ער איז 'נתכסה לפני ולפנים', און זיי זענען ארום אים די 'לבושין'.

❖ ❖ ❖

# 'סיפורי התורה'

**וְיֵשׁ אַרְבַּע חַיּוֹת בַּתּוֹרָה: אַרְיֵה שֶׁבַּתּוֹרָה, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרָא עֹז - "וּמֶה עַז מֵאֲרִי"**, נאך א זאך, אז דער צדיק גייט אריין, ווערט "עז מארי" - עס שטייט דארטן ביי 'שמשון הגבור', "ומה עז מארי", איז דא אין די תורה א מין שטארקייט, דאס

---

[ז] וז"ל בלקוטי עצות - ערך צדיק אות כ', על תו' י"ג: כָּל אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַבָּאִים לַחֲכַם הַדּוֹר, כָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵשׁ לוֹ אֵיזֶה רָצוֹן טוֹב. וְהַצַּדִּיק מַעֲלֶה כָּל אֵלּוּ הָרְצוֹנוֹת וּבָזֶה הוּא מְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹתֵיהֶם שֶׁל אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלָיו, וְעַל־יְדֵי זֶה הוּא מֵבִיא הִתְגַּלּוּת הַתּוֹרָה שֶׁאוֹמֵר אָז בִּפְנֵיהֶם. נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד חֵלֶק בְּהַתּוֹרָה כְּפִי רְצוֹנוֹ, וְכֵן נִתְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹ לְטוֹבָה. עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהִתְחַזֵּק וּלְהִתְעוֹרֵר, שֶׁיָּבוֹא עִם רְצוֹנוֹת טוֹבִים וְכִסּוּפִין טוֹבִים וַחֲזָקִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּדֵי שֶׁיִּתְחַדֵּשׁ נַפְשׁוֹ לְטוֹבָה בְּיוֹתֵר...

[ח] עיי"ש אות ג': וְנֶפֶשׁ זֶה בְּחִינַת רָצוֹן, שֶׁכָּל אֵלּוּ בְּנֵי־אָדָם הַבָּאִים לַחֲכַם־הַדּוֹר, כָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵשׁ לוֹ אֵיזֶהוּ רָצוֹן, וְהַצַּדִּיק לוֹקֵחַ כָּל הָרְצוֹנוֹת וְעוֹלֶה עִמָּהֶם...

איז 'אריה', אין די תורה מוז מען האבן א מין שטארקייט אזוי ווי א לייב.

**וְשׁוֹר שֶׁבַּתּוֹרָה – זֶה בְּחִינַת: "כִּי שָׁרִים יָשֹׁרוּ"**, דאס איז 'מלכות', דאס איז 'קוקן'.

**וְנֶשֶׁר שֶׁבַּתּוֹרָה – זֶה בְּחִינַת חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא, כִּבְחִינַת "תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר". וְאָדָם שֶׁבַּתּוֹרָה – זֶה בְּחִינַת: "זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם", וְיֵשׁ בָּהּ קַלּוֹת וַחֲמוּרוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת מִסְכְּנֵי וְעַתִּירֵי.**

**וְכִסֵּא שֶׁבִּבְחִינַת תּוֹרָה – הֵם דְּבָרִים שֶׁכִּסָּה עַתִּיק־יוֹמִין**, מען האט אויבן געלערנט 'אורייתא דעתיקא סתימאה', **וְהֵם מְכַסִּים אֶת עַצְמָן בְּסִפּוּרֵי הַתּוֹרָה**, מיט וואס ווערן זיי באדעקט? מיט ספורי התורה!

ס'איז א פלא'דיגע זאך, זיי ווערן באדעקט - דער 'עתיק יומין', די 'תורה', מיט 'ספורי התורה' ווערן זיי באדעקט!

עס שטייט טאקע אין זוהר,[ט] אז דער וואס מיינט נאר די סיפורים אליין, און ווייס נישט וואס ליגט דארטן, איז עפעס א גרויסער פגם! אז ער מיינט אז ס'איז נאר דא די סיפורים, מער נישט, נאר דער סיפור, א געוואלדיגער פגם איז דאס!

דא זאגט דער רבי אזוי, די 'תורה שבעתיקא' ווערט פארדעקט מיט די 'סיפורים', אין די סיפורים ליגט דארט די 'תורה שבעתיקא סתימאה', זיי זענען אזוי הויך אז זיי מוזן ווערן פארדעקט מיט א סיפור, "והם מכסים את עצמן בספורי התורה"!

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: **"מיינע תורות העלפן שוין נישט, וויל איך שוין דערציילן מעשיות!"**.[י]

ווארום די 'מעשיות' זענען פיל העכער ווי די 'תורות', די 'השגות אלקות' פון די 'מעשיות' זענען אזוי גרויס אז מען מוז האבן א 'סיפור', און דער 'סיפור' פארדעקט דעם 'אור', און דעמאלט קען מען - (האבן חיות דערפון)!

דער 'אור' איז דא אין דער וועלט, דער 'אור' גייט אריין אין דער וועלט, נאר ס'איז פארדעקט!

**וְיוֹשֵׁב עַל הַכִּסֵּא – הוּא עַתִּיק־יוֹמִין, בִּבְחִינַת: "וְעַתִּיק יוֹמִין יְתִב"**, וכו'.

[ט] עי' זוה"ק פרשת בהעלותך דף קמ"ט ע"ב, ודף קנ"ב ע"א.

[י] עי' הקדמת ספר סיפורי מעשיות (הקדמה א').

©

כל הזכויות שמורות למערכת טעם זקנים, מאנסי נ"י ארה"ב, יצ"ו

1-845-200-0443 (מארה"ק: 072-257-3456)

Rlyb148@gmail.com